בעזהשי"ת

# קול תורה ויראה

ארויסגעגעבן דורך:

**ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר**

וויליאמסבורג

ציײטליכע אויסגאבע, געווידמעט מיטצוטיילן די תומכים ונדבנים איבער נייעס, אינפארמאציע, און אנטוויקלונגען, אינערהאלב די מוסדות הקדושים

#87

· חודש אלול תשע"א לפ"ק ·

## גרויסער לאקאל אפגעקויפט פאר א נייעם פלייש געשעפט אין ניי-וויליאמסבורג

9



## טויזנטער עלטערן רעגיסטרירן זיך צום נייעם שנת הלימודים תשע"ב הבעל"ט

3




## 4 שפאגל-נייע באסעס קורסירן שוין טעגליך אין די וויליאמסבורגער גאסן

4



## פרי-כתה-א' כיתות פלאצירט אינעם בנין המוסדות אויף 128 ראטלידזש סטריט

7



## מאסיווע סטרוקטורעלע ווערק גייט העפטיג אן אויפן נייעם "פרדס צבי" זאל

8



## א בליק פונעם זומער חדר אין תלמוד תורה ויואל משה

18



אפהאנדלונג:
## פון א קינדער וועגעלע ביז א פלאטע פון 36 באסעס

12

## ריי אויפפרישונגען אונטערגענומען אין בנין בית רחל העיווארד סטריט

6

**מערכת "קול תורה ויראה" וואונטשט פאר אלע תומכי מוסדותינו הק' א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר**

עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר

ארך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד

# ברכת השנה

בעמדינו בשער השנה החדשה תשע"ב הבעל"ט

הננו בזה להביע רב ברכות מעומק הלב למעלת כבוד ידידינו היקרים שיחי'

## נדבנים ותומכים - ועסקנים החשובים

### בכל מקומות מושבותיהם

העוזרים בגוף ובממון ובלב ובנפש חפיצה לטובת מוסדותינו הקדושים

שמתחנכים בו

# שמונת אלפים וחמש מאות

# תלמידים ותלמידות בליעה"ר

יהי רצון שיתברכו בשנה טובה ומתוקה בשנה טובה ומאושרת ושנת גאולה וישועה ותזכו להחתם בספרן של צדיקים גמורים לאלתר לחיים טובים ולשלום, ושתתקבלו תפילתינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל, ותזכו לחיות חיי תענוג ונחת מתוך עושר וכבוד, ולרוות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח, בבריות גופא ונהורא מעליא, זרעא חייא וקיימא זרעא די לו יפסוק ודי לו יבטול מפתגמי אורייתא

וזכות לימוד התורה של תשב"ר וזכותו הגדול והנשגב של מרן רבינו הקדוש זי"ע יעזור להם שתזכו לעמוד לאחיעזר לאחיסמך לטובת מוסדותינו הקדושים עוד רבות בשנים, מתוך הרחבת הדעת ואנפין נהירין, וכל טוב סלה

החותמים לכבוד מחזיקי תורה בברכת שנה טובה מבורכת

הנהלת המוסדות ווער הפועל

# טויזנטער עלטערן רעגיסטרירן זייערע קינדער צום נייעם שנת הלימודים תשע"ב הבעל"ט

פארגאנגענעם מאנטאג פרשת כי תבא הבעל"ט האט זיך געשלאסן די רעגיסטראציע אין בנין ברכה סימא אויף קיעפ סטריט וואו פילע טויזנטער עלטערן האבן פריש רעגיסטרירט זייערע קינדער צום נייעם לערן-יאר שנת תשע"ב הבעל"ט, ווי עס געט איבער איינער פונעם שכר לימוד אפטיילונג איז דער היי-יעריגער אלול רעגיסטראציע אריבער מיט גרויס ערפאלג, און רובא דרובא פון די 2850 עלטערן פון אונזערע הייליגע מוסדות זענען געקומען רעגיסטרירן די קינדער און נאכגעקומען די געפאדערטע פארלאנגן פון די הנהלה.

דער "אלול רעגיסטראציע" איז איינס פון די הויפט הכנסות פאר'ן קיום פון די מוסדות הק', וויבאלד די הנהלה דארף באלד נאכן זומער האבן גרייט עטליכע מיליאן דאלאר צו דעקן דאס געהאלט פון די הונדערטער כלי קודש פאר די געוועזענע זומער מאנאטען און פון די קומענדיגע חדשי אלול תשרי, דעריבער איז אין דעם געוואנדן די מעגליכקייט פון די הנהלה אנצוגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש און זיי קוקען שטארק ארויס אויפ'ן הצלחה פון די רעגיסטראציע וואס דאס העלפט באלאנסירן דעם מולטי-מיליאן דאלאר'דיגן בודזשעט, און גלייכצייטיג טוט עס דעקן די קאסטן פון די פילע הרחבת גבולי הקדושה פראיעקטן.







דער איינגעריכטעטער רעגיסטראציע צענטער

דער געטרייער אפיס-שטאב האט אויך היי-יאר גאר באקוועם איינגעארדענט איינס פון די קלענערע עס-זאלן אין בנין ברכה סימא, פארן רעגיסטראציע צענטער, צוטיילט אויף עטליכע אפטיילונגן מיט א ווארט-זאל צוווארטן אין די רייע. באזונדערע אפטיילונגן זענען איינגעארדענט געווארן פאר שכר לימוד, טראנספארטאציע, און אמיוניזעשן רעקארד'ס, וואוטשער געניסער, אא"וו. און דער געטרייער קאמפיוטער-שטאב האט דארט אינסטאלירט אלע טעכנישע צוגעהערן פאר די רעגיסטראציע, קאמפיוטערס מיט פרינטערס, און פארשידענע אנדערע נויטיגע אפיס סופלייס.

אויך דאס יאר האבן די חשובע עלטערן באוואונדערט די שטארקע ארדענונג וואס האט געהערשט אינעם רעגיסטראציע זאל, אפילו בשעת די לעצטע טעג פון די רעגיסטראציע ווען עס איז אוממעגליך צו דערשטרייטן דעם רבוי עם, האט די הנהלת הישיבה געלייגט א שטארקן געוויכט אז עס זאל זיין צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן.

פאר די ווארטענדע מענטשן, וואס א גרויס טייל זענען מאמעס מיט קלינע קינדער, האט מען צוגעשטעלט מזונות און קאלטע געטראנקן איבערצובייסן און זיך צו דערכאפן דאס הארץ. עס איז דארט געווען אויסגעלייגט ספעציעלע אנווייזונגן-בויגענס וואסערע סקול-סופלייעס מ'דארף פאר די מיידלעך פון יעדע גרעיד. גלייכצייטיג איז געווען אויסגעשפרייט דער "רעגיסטראציע ביכל", וואס מ'האט געקענט איבערבליקן ווארטנדיג אויף די רייע.

עס איז ממש געווען א קידוש השם צו זען אזויפיל טויזנטער אידן, צווישן זיי אפילו דורכשניטליכע פארדינער, צאלן אויס זייערע געפאדערטע סכומים אפילו עס איז זיי נישט לייכט אנגעקומען צוליב דער שווערער מצב הפרנסה. הונדערטער טאטעס האבן נאך א טאג שווערע ארבייט אוועקגעריסן פון זייער טייערע צייט צו גיין רעגיסטרירן זייערע קינדער אינעם רעגיסטראציע צענטער ארויסצונעמען די קארטלעך, און באצאלן די פולע שכר לימוד און טראנספארטאציע באלאנסן.

די הנהלת המוסדות האט דערפון געשעפט אסאך חיזוק און ערמוטיגונג, און צום וויפילטן מאל זיך איבערצייגט אז ביי אנשי שלומינו איז הייליג און טייער די בקשה פון מרן רבינו הקדוש זי"ע מייסד מוסדותינו, וואס האט שטענדיג געמאנט און געפאדערט מתלמידיו וחסידיו צו באצאלן שכר לימוד בעתו ובזמנו, וואס איז א סגולה טובה צו האבן ערליכע גוטע קינדער און געבענטשט צו ווערן מיט ברכה והצלחה בכל ענינים.

און אונטער דעם איינדרוק פונעם העכסט געלונגענעם רעגיסטראציע און דורך די אחדות'דיגע צוזאמארבייט פון די עלטערן מיט די הנהלת הישיבה טרעט מען בעזהשי"ת אריין אינעם נייעם זמן הלימודים שנת תשע"ב מיטן רעכטן פוס, און מיט א הייסע תפילה אז אויך דאס יאר זאל אריבערגיין מיט גרויס סייעתא דשמיא און דערפאלג, און מ'זאל האפענטליך עררייכן דער געמיינזאמער ציל מחנך צו זיין און ערציען אונזערע זון און טעכטער לתורה וליראת שמים ומידות טובות בדרך ישראל סבא, און זיי זאלן זיך בסייעתא דשמיא קענען משלים זיין בין כותלי מוסדותינו הק' אויפן העכסטן ניווא, ע"ד הסלולה לנו ממרן רבינו הקוה"ט זי"ע תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

## ספעציעלער "רעגיסטראציע" בראשור ערהאלטן אין די פאסט מיט אלע אנווייזונגען און פארלאנגען צום רעגיסטראציע

פאר עטליכע וואכן צוריק האט די הנהלת הישיבה ארויסגעשיקט דורך די פאסט א ספעציעלער רעגיסטראציע פעקעדזש פאר אלע עלטערן פונעם מוסד, מיט די פונקטליכע אנווייזונגען און סדר פונעם רעגיסטראציע און נאך וויכטיגע דאקומענטן. בייגעלייגט אינעם פעקעדזש איז געווען דער סטעיטמענט מיט די פארבליבענע באלאנסן וואס מען איז שולדיג פאר'ן שכר לימוד, טראנספארטאציע, קרן הבנין באטראג, אא"וו.

די הנהלת הישיבה האט אינעם רעגיסטראציע פעקעדזש צום בעפארשטייענדער "אלול רעגיסטראציע" געלאזט דרוקן א גאר אינהאלטסרייכער "רעגיסטראציע" בראשור, פון וועלכן די פילע טויזנטער עלטערן זענען אויסטערליש באאיינדרוקט.




דער בראשור, וועלכער איז הערליך גראפיש אויסגעלייגט, ענטהאלט א ריי אנווייזונגען און פארלאנגען צום יעצטיגן צענטראלן אלול רעגיסטראציע, און א זאמלונג פון אלע-ערליי אינפארמאציע וואס איז נוגע פאר עלטערן אינערהאלב אלע אפטיילונגען אין די מוסדות בכלל. און דערצו האט דאס זייער וויכטיגע אינפארמאציע וואס עלטערן דארפן שטענדיג צו וויסן לגבי די אדמיניסטראציע פון די מוסדות אין אלע אירע פיליאלען און סערוויסעס.

גלייכצייטיג איז דארט דא א פונקטליכע טעלעפאן ליסטע פון אלע אפטיילונגען אין די מוסדות, וואס איז אייביג גוט פאר א מאמע און טאטע צו האבן ביי דער האנט, כדי זיך צו קענען פארבינדן מיט סיי וועמען פאר סיי וועלכן פראבלעם, וכדומה.

# 4 שפאגל-נייע באסעס קורסירן שוין טאג טעגליך אין די וויליאמסבורגער גאסן



מוה"ר משה לופער און ר' ישראל וואלף טייטלבוים הי"ו ביים איבערנעמען די שליסלען פון די נייע באסעס



פאר עטליכע וואכן צוריק איז אין א גוטע שעה אנגעקומען די פיר שפאגל נייע באסעס, וואס די הנהלת המוסדות האט ערהאלטן פון די רעגירונג, און די באסעס צירקלירן שוין טאג טעגליך אויף די וויליאמסבורגער גאסן ברענגענדיג די קינדער פון און צום חדר און שולע.

ווי באקאנט האט דער ניו יארק סענאט פירערשאפט באשטעטיגט א פאנד פון 5 מיליאן דאלאר אויסצוטיילן 56 באסעס פאר היימישע מוסדות החינוך און פאר פריוואטע שולעס, און צום גרויס פרייד האט די הנהלת הישיבה ערהאלטן די פרייליכע נייעס אז זיי באקומען צוויי נייע באסעס פון די שטאט, און ביים גורל ציאונג האט די הנהלת הישיבה געווינען פרישע צוויי באסעס. אינאיינעם באדייט דאס 4 שפאגל נייע באסעס אין ווערט פון קרוב צו פיר הונדערט טויזנט דאלאר.

די טראנספארטאציע דעפארטמענט האט אין אן ספעציעלע צערעמאניע פארגאנגענעם מיטוואך פרשת כי תצא איבערגענומען די שליסלעך פון די עסקנים וועלכע האבן אינטערוועניערט ביי די רעגירונג לטובת דעם פאנד. פערזענליך איז אראפגעקומען מר. דוד טענענבוים הי"ו פון די בארימטע עסקנים לטובת הכלל בארה"ב וואס האט מיטגעהאלטן די צערעמאניע.

א טאג דערנאך האט מען אויפגעשריבן אויף די באסעס דעם ספעציעלן אויפשריפט וואס פיגורירט אויף אלע באסעס "ישיבה תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל מסאטמאר", און אין צוגאב דער סימבאל פון די מוסדות הק'. דאס אלעס גיבט פאר די באסעס א פרעכטיגן און מאיעסטעטישן בליק, און די באסעס קורסירן שוין אויף די גאסן לשם ולתפארת.

ווען די נייע באסעס זענען אריינגעברענגט געווארן אין דינסט איז דאס געווען א פריידיגע נייעס צווישן די פילע טויזנטער קינדער אין די מוסדות, אלעס האט גערעדט דערפון מיט באגייסטערונג און וואונדער, און ספעציעל איז געווען גרויס די פרייד ביי די קינדער וועלכע פארן דערמיט טאג טעגליך.




די נייע באסעס קורסירן שוין אויפן ראוד טאג טעגליך




## זכותים פון דריי נייע באסעס שוין פארקויפט

אין א באזונדערע נייעס האט די הנהלת המוסדות ארויסגעשטעלט צו פארקויפן די זכותים נצחיים פון די שפאגל-נייע באסעס פאר א מינימאלע פרייז פון 18 טויזנט דאלאר. און דערמיט באקומען די נדיבים א חלק אינעם לימוד התורה של אלפי תשב"ר, און זענען זוכה צו די פילע ברכות וסגולות וואס די הייליגע חז"ל זאגן אויף דעם באקרויי בנייהו לבי כנישתא.

מיט גרויס פרייד טוט די הנהלת הישיבה איינמעלדן די בשורה טובה ומרנינה אז דריי חשובע נגידים שיחיו האבן זיך איינגעהאנדלט דער זכות פון דריי באסעס, און וועלן דערויף פאראייביגן זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע קרובים פאר לאנגע יארן אויף די נייע פראכטפולע באקוועמע באסעס, וואס וועלן בעז"ה דורכאויס לאנגע יארן הבעל"ט קורסירן אויף די גאסן טאג טעגליך.

אצינד בלייבט נאך איבער אפצוקויפן דער זכות פונעם לעצט פארבליבענע באס. חשובע נדיבי עם שיחיו עס איז א זעלטענער געשעפט וואס האט זיך שוין לאנג נישט געמאכט וכל הקודם זכה.

# 6 נייע קלאס-צימערן צוגעבויעט אינעם בנין "ברכה סימא" אויף קיעפ סטריט



עלטערן וואס האבן באקומען די רעגיסטראציע אנווייזונגען צום היי-יאריגן רעגיסטראציע אין בנין ברכה סימא האבן געקענט באמערקן אין די מעלדונגען א שורה וואס שטרייכט אונטער אז דער "ארייגאנג צום רעגיסטראציע צענטער איז פון קיעפ סטריט קארנער מארסי", אנדערש ווי אין די פארגאנגענע יארן ווען דער אריינגאנג פלעגט זיין דורך ראדני סטריט, אבער אריינקומענדיג אינעם בנין ברכה סימא איז שוין אלעס אויסגעקלארט געווארן און עס האט יעדער באמערקט דער שינוי מקום אינעם ארט פון דער רעגיסטראציע וועלכעס איז היי-יאר געווען איינקווארטירט אין אן אנדערער עס-זאל אינעם געביידע.

און דער ביז-יעצטיגער רעגיסטראציע לאקאל איז געווארן צוגענומען אויף אויפצובויען 6 נייע קלאס צימערן צו דערשטרייטן דעם נאטורליכן וואוקס פון די פרישע תלמידות בליעה"ר וואס קומען צו יאר יערליך אין די ראמען פון בית רחל עלעמענטרי, און דאס זעלבע א גרויסע צאל נייע שילערנס פון אנדערע מיידל-שולעס וועלכע האבן זיך שוין אינמיטן יאר רעגיסטרירט אריינצוקומען אין בית רחל וועלנדיג באקומען דעם ריכטיגן ערליכן חינוך און ערציאונג אין אלע הינזיכטן, אמונה טהורה, השקפה, צניעות און מידות טובות ע"ד ישראל סבא.



די ארבעט גייט אן בויענדיג די 6 נייע קלאס צימערן אין בנין ברכה סימא

אזוי ווי עס איז אוממעגליך געווען צו פלאצירן די פרישע תלמידות לויט די יעצטיגע מצבים אין בנין ברכה סימא וויבאלד דער בילדונג איז אנגעפולט עד אפס מקום, האט די הנהלה בלית ברירה געמוזט אוועקנעמען איין עס-זאל אין דער געביידע און דארט פריזוויזאריש אויפבויען פרישע קלאסן וואס וועט עטוואס העלפן לינדערן דער ארטיגער ענגשאפט אויף נאך "איין" יאר.





די קלאסן זענען בליץ שנעל אויפגעבויעט געווארן און געווארן צוגערישט מיט אלע באדערפענישן וואס נויטיגט זיך צום הרחבת הדעת. ספעציעל האט מען גענפענט פענסטערס צו דער גאס און אויסגעפלאסטערט די פאדלאגע מיט שיינע טיילס. גלייכצייטיג איז דאס געווארן אויסשטאפירט מיט מעבל, טישן און בענקלעך, שענק און אזוי ווייטער, אז די לערערינס זאלן קענען אנגיין מיט זייערע לימודים מיט'ן גרעסטן מאס רואיגקייט.





# פרי-כתה-א' כיתות פלאצירט אינעם בנין המוסדות אויף 128 ראטלידזש סטריט

## העכער טויזנט קינדער אין נורסערי קינדערגארטן בליעה"ר

די הנהלת המוסדות האט אין א נויטיוועדיגער שריט איינגעארדענט דעם בנין אויף 128 ראטלידזש סטריט פאר'ן באנוץ פון די מוסדות הק', וואו עס זענען פלאצירט געווארן עטליכע פרי-כתה-א' כיתות, (דער פרי כיתה א' זעלבסט באשטייט פון קרוב צו דריי הונדערט קינדער), נאכדעם וואס עס איז אוממעגליך ווייטער אנצוגיין אונטער די פלאץ-באגרעניצטע אומשטענדן אינעם בנין ויואל משה.

דורכאויס די לעצטע זומער וואכן האט מען העפטיג געארבייט צו רענאווירן דעם ערשטן שטאק ברוב פאר והדר, און עס איינרישן מיט אלע נויטיגע באדערפענישן און צוגעהערן אויפ'ן שענסטן און באקוועמסטן פארנעם צום צופרידנהייט פון די קינדער און זייערע געטרייע שטאב מיטגלידער.

מ'האט דארטן אויפגעבויט זיבן באקוועמע קלאס צימערן, א שיינער גרויסער עס-זאל און א קיך צו סערווירן דעם פרישטאג און מיטאג, שטובער און אפיסעס פאר די שטאב מיטגלידער, אא"וו. אויפ'ן אויבערשטן שטאק ווערט געפלאנט אויפצובויען נאך א צאל קלאס-צימערן, א בית המדרש, און אפיסעס, און נאך פארשידענע איינריכטונגען פאר'ן געברויך פון די מוסדות.

די הנהלת הישיבה האט אנגעפאנגען די ארבעט אונטער גרויס איילעניש, וויסנדיג אז ווי נאר דער קאנטרי סעזאן ענדיגט זיך ווערט ערווארטעט א גאר גרויסער מספר פון נייע תלמידים ותלמידות וואס וועלן אריינקומען אין די מוסדות, ווייל ווי באריכטעט שוין עטליכע מאל איז דער יעצטיגער אלול סעזאן די שווערסטע צייט פאר די הנהלת המוסדות, וויבאלד די גרעסערע קינדער זענען נאכנישט ארויפגעגאנגען אין כתה א' אדער פרי-וואן-עי, און פון די אנדערע זייט קומט נאכן זומער צי א נאטורליכער וואוקס פון פרישע צענדליגער קינדערלעך בליעה"ר, און מ'דארף עפענען נאך און נאך קלאסן זיי אלעמען צו פלאצירן, דעריבער ספראוועט מען זיך דעם סעזאן מיטן פראבלעם פון א שטארקער מאנגל אין פלאץ.

אויך האט מען, ווי אין די פארגאנגענע יארן, צוגערישט אינעם ויואל משה חתונה זאל צוויי פריוויזארישע קלאס-צימערן פאר עטליכע צענדליגער צאן קדשים, וואס האבן נישט קיין פלאץ אין די עקזיסטירענדע קלאסן אינעם בנין צוליב דער גרויסער ציפער קינדערלעך וואס לערנען יעצט אין ת"ת ויואל משה, וועלכעס גרייכט אצינד דעם צאל פון העכער 1050 תשב"ר כ"י, ווען דאס יאר האט זיך אנגעהויבן מיט בערך זעקס-הונדערט-און-ניינציג יונגלעך בליעה"ר.

גלייכצייטיג טוט די הנהלת הישיבה אין די זעלבע צייט זיך ארומקוקן אויף נאך בנינים וואו צו פלאצירן די פרישע צאל מיידלעך אין נורסערי קינדערגארטן פון בית רחל, וואס לויט דער אויסערגעווענליכער באגרעניצונג אין יעדן אפטיילונג איז זיי אוממעגליך צו פלאצירן אין די עקזיסטירענדע בנינים.

ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.







איבערבויענדיג די ערשטע שטאק אויף 128 ראטלידזש סטריט








פארגאנגענעם אלול תש"ע; די צאן קדשים אין ת"ת ויואל משה פולן אן דעם חתונה זאל בליעה"ר ביים עסן מיטאג

# ריי אויפפרישונגן אונטערגענומען אין בנין בית רחל העיווארד סטריט

## קלאס-צימערן אין ת"ת טרופ עוועניו איבערגעקאלעכט אויף א פראכטפולן פארנעם

אין די צוויי זומער חדשים ווען דער גרעסטער רוב תלמידים ותלמידות געפינען זיך נישט אין שטאט, ווערט די צייט אויסגענוצט אויף נויטיגע רענאוואציעס אינערהאלב די בניני המוסדות, כאטש א גאנץ יאר ווערט כסדר געטון ארבייט אין יעדן בנין עקסטער, הויפטזעכליך אויב עס צוברעכט זיך עפעס וכדומה, פארט אבער ווערן די גרעסערע רענאוואציעס אפגעלייגט אויף די זומער וואכן כדי נישט צו שטערן די ארדענונג און עבודת הקודש פון אונזערע מלמדים און לערערינס מיט זייער אחריות'דיגע אויפגאבע פון חינוך הבנים והבנות.



די הונדערטערניי-מאשינען גרייט אריינגעלייגט צו ווערן אין די אויפגעפרישטע קלאסן

דעם יעצטיגן זומער האט מען ספעציעל אונטערגענומען עטליכע גרעסערע רענאוואציעס אינעם בנין ברכה סימא און אין בנין אויף 128 ראטלידזש סטריט (זעה באזונדערע נייעס דערוועגן) אין צוגאב ווערן אויך דורכגעפירט אין די אנדערע בנינים א ריי קלענערע אונטערנעמונגן וואס זענען וויניגער קאסטבאר אבער עס ציעט אויך אריין אין הויכע אויסגאבען.

אינעם בנין בית רחל אויף העיווארד, וואו עס זענען איינקווארטירט די 12'טע קלאסן זענען אין די יעצטיגע זומער וואכן הערליך שיין איבערגעקאלעכט די ווענט פון די קלאס-צימערן וואס האבן זיך שטארק גענויטיגט אין אן אויפפרישונג.

דאס זעלבע ווערן איבערגעפרישט די 'נייען קלאסן' וואו די מיידלעך וועלן זיך קענען אויסלערנען דעם גניטן פאך פון נייען, ווי די חז"ל כאראקטעריזירן דאס אין חכמה לאשה אלא בפלך.



אן איבערגעפרישטע חדר אין טרופ עוו.



אן איבערגעפרישטע קלאס אין בית רחל העיווארד

דאס זעלבע האט דער בילדונג מענעדזשער פון ת"ת טרופ עוועניו מוה"ר מיכל וויינגארטן הי"ו, וועלכער לייגט אגאנץ יאר אראפ א זעלטענע ארבייט צו האלטן דעם בנין ריין זויבער און פריש, אריינגעלייגט גרויסע כוחות איבערצופרישן דעם דריטן שטאק פונעם בילדונג. ער האט אראפגעלייגט א געלונגענע ארבייט, און אריינגעברענגט א לעכטיגע צורה און פרישקייט אין די קלאס-צימערן פון די תינוקות של בית רבן. ווי מערערע מלמדים האבן זיך אויסגעדרוקט: "עס פשוט אן הרחבת הדעת צו זיצן אין חדר און לערנען מיט די קינדער"...


## כסא דנחמתא

בצער רב ויגון קודר, הננו להביע מכאובינו, מעומק לבבינו, ולהשתתף בצערן של ידידינו, נשוא פנים בתוכינו, הרבני החסיד הנכבד המרומם, מוכתר בכל מעלה ותואר, מלא מדע וחכמה, במדותיו התרומיות לכבוד ולתפארה, מוכתר בנימוסין ואין צריך לקילוסין, רודף צדקה וחסד וצדקתו עומדת לעולמים, ידיו ולבו אמונה להרבות פעלים לתורה ולתעודה, ולהרחיב גבולי הקדושה במדה גדושה, ה"ה

מוה"ר **חיים יצחק מאנדל** שליט"א - מנכ"ל מוסדותינו הקדושים

וכל משפחתו החשובה שיחי'

המתאבלים מרה על פטירת אביהם היקר בר אוריין ובר אבהן שמו הטוב נודע בשערים,

בו לב זהר מלא רחמים רחמים, סומך ועוזר לעניים ואביונים, ה"ה **הרה"ח ר' נפתלי צבי** ע"ה

תנחומינו אשר אנו מרחשין בשפתים, ישעשעו נפש ויתנחמו בכפלים, ומי שאמר לעולמו די יאמר לצרותיהם דים, ולא ישמע עוד שוד ושבר בתוך גבולם ואף לא בירכתים, ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שאך קול ששון ושמחה ישמע בביתכם תמיד ערב ובוקר וצהרים, עדי נזכה בקרוב שישמיעינו ברחמיו שנית לעינים, נחמו נחמו יאמר אלקים חיים, בביאת משיח צדקינו, בב"א

הכו"ח מתוך שברון ואנחה

**הנהלת הישיבה     וועד הפועל**

# מאסיווע סטרוקטורעל ווערק גייט העפטיג אן אויפן נייעם "פרדס צבי" זאל

דורכאויס די לעצטערע זומער וואכן האט מען גאר העפטיג אנגעפאנגען די מאסיווע סטרוקטורעל ארבעט אויפ'ן נייעם "פרדס צבי" חתונה זאל אינעם בנין ברכה סימא, נתנדב ע"י הרבני הנגיד המפואר ר' אליעזר קעסטענבוים שליט"א על שם אביו היקר באנשים הרבני החסיד המפורסם רבי צבי קעסטענבוים שליט"א מזקני אנשי שלומינו, וואס וועט אויך דינען פאר'ן ציבור אנ"ש צו פראווענען בעלי בתי'שע חתונות פאר ביליגע פרייזן, אזוי ווי אינעם עקזיסטירענדן פראכטפולן "פרדס פיגא" זאל, וואו עס זענען שוין אפגעראכטן געווארן הונדערטער ביליגע חתונות איינשפארנדיג שווערע מיליאנען דאלאר פאר'ן ציבור.

אצינד זעצט מען פאר מיט די העכסט סענסיטיווע ארבעט אויפ'ן פרדס צבי זאל, וועלכעס ווערט געבויט אינעם גרויסן עס-זאל פון די געביידע, וואס פארמאגט א קיימא לן פון קרוב צו 10 טויזנט סקווער פוס. די ארבעט איז גאר א סענסיטיווע, וויבאלד מען נעמט אראפ עטליכע שטאלענע זוילן פונעם זאל וואס שטערט צו קענען פראווענען דארטן די שמחת הריקודין מיט הרחבת הדעת.

צום ערשט האט מען אראפגענומען דעם אלטן צעמענטענעם דאך וואס איז געווען דער הויף פון די מיידלעך אין צענטער פונעם בילדונג, דערנאך האט מען אראפגעשמאלצן די פילע שטאלענע ביעמס וואס האט אנגעהאלטן דעם דאך, דאס ווערט אין די קומענדיגע וואכן ערזעצט מיט ווייניגער סטיל און א דינערן שיכט צעמענט, אזוי דארף מען נישט האבן אזויפיל לאנגע זוילן אינעם חלל פונעם זאל וואס זאל אונטערהאלטן דעם דאך און הויף.

עס מוז קלאר ארויסגעברענגט ווערן אז די קאנסטראקשן ווערק איז היפש שווער פאר די פארצווייגטע סקול ווירטשאפט, וויבאלד מ'קען פשוט נישט ניצן דעם גרויסן עס-זאל און די זייטיגע קארידארן דערנעבן, נאך דערצו אז מ'האט בכלל צוגענומען איין עס-זאל וואו מ'האט ארייגעבויעט 5 קלאס צימערן צוליב מאנגעל אין פלאץ (ליין באזונדערע נייעס דערוועגן), אבער די הנהלת הישיבה שפירט אז מ'קען דורכדעם העלפן פאר'ן ציבור, טוען זיי פארקוקן פונעם באקוועמליכקייט פון די שולע כדי דער עולם זאל בעזהשי"ת קענען געניסן פונעם נייעם "פרדס צבי" זאל מיט אירע סערוויסעס.

עקסטער מוז מען ארויסברענגען לשבחם פון די חשובע לערערינס און מחנכות און הויפטזעכליך דער געטרייער מנהל פון בית רחל הרב ר' בנציון פייערווערגער שליט"א, וואס שטרענגען זיך אן צו טון זייער ארבייט אונטערן שאטן פונעם קאנסטרוקציע וואס גייט אינעם בילדונג, און טראץ די אלע שטערונגען וואס דורכדעם קומט זיי די עבודת הקודש אן אסאך שווערער געבן זיי זיך אוועק בלב ונפש מחנך צו זיין די מיידלעך מיט'ן גרעסטע מאס איבערגעגעבענקייט.

עס איז צום האפן אז די ארבייט וועט זיך ענדיגן ווי אמשנעלסטן און אלעס זאל קענען צוריק גיין צום רוטינעם ארדענונג.











עטליכע פאזעס פון די מאסיווע בוי-ארבעט אויפן זאל



# פלייש געשעפט אין סאוט-פאלסבורג סערווירט דורכן זומער טויזנטער צופרידענע קונדן




ווי אין די פארגאנגענע יארן האט דער בוטשער סטאר שע"י מוסדותינו הק' אין סאוט פאלסבורג אויך דעם זומער סערווירט טויזנטער היימישע קונדן אין די זומער וואכן. עס איז געווען צוגעשטעלט א פולן ליין פון אלע ערליי פליישן, טשיקן, טורקי און בהמה פלייש אא"וו, צום צופרידנהייט פון די טויזנטער זומער איינוואוינער אין די קעטסקילס. דאס זעלבע האט דער נארהאפטיגער טעיק-אוט צוגעשטעלט א ברייטן אויסוואל פון נארהאפטיגע מאכלים און אויך די סעודות שב"ק מיט אלע צושפייזן און סאלאטן דערצו.

די פארוואלטונג האט זיכער געמאכט אז דער לאקאל זאל זיין גרייט צו באדינען דעם ריזיגן ציבור וועלכעס וויל קויפן "סאטמארע פלייש" און שטיצן דערמיט אונזערע מוסדות מריחוק מקום ומקירוב הלב.

אין א שמועס מיט מוה"ר משה לוי ברוין הי"ו דער מענעדזשער פונעם בוטשער סטאר אין וויליאמסבורג, וועלכע שטייט אויך אין שפיץ פונעם פלייש געשעפט אין די קעטסקילס מיט גרויס געטריישאפט און אחריות, טוט ער איבערגעבן אז מ'האט אנפאנג זומער אויפגענומען א ברייטערן סטעף אנצופירן און צו פארוואלטן דעם בוטשער סטאר, און גלייכצייטיג האט מען אביסל איבערגעפרישט און שענער געמאכט דעם בוטשער לאקאל, עס זאל זיין באקוועמער און מער צופרידנשטעליג פאר די קאסטומערס.

דאס זעלבע האט מען צוגעשטעלט א פיל גרעסערן קוואנטום און אויסוואל פון אלע ערליי פליישן. דאס האט טאקע געבערענגט גינסטיגע רעזולטאטן אז טויזנטער פאמיליעס פון אלע שיכטן און קרייזן האבן במשך פונעם זומער געקויפט און באשטעלט זייערע פלייש ארדערס בלויז אין דעם פלייש געשעפט, וועלנדיג געניסן פון דעם מהודר'דיגע סאטמארער פלייש וואס איז אונטער די שטרענגע השגחה פון הגאון הצדיק המפורסם ראב"ד דקהלתינו הק' שליט"א, וועלכער איז מפקח אז אלעס זאל זיין הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן לויט די חומרות און הוראות פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע.

ר' משה לוי טוט ארויסברענגען אז די סיבה פארוואס דער בוטשער פאוואלטונג לייגט אריין אזעלכע אימערמידליכע כוחות צו סערווירן די קונדן מיט די בעסטע סערוויס, וויבאלד דער ציבור וואס זוכט צו קויפן אונזערע פלייש קען דאס נישט באקומען אין קיין שום אנדערע געשעפט אדער סופערמארקעט איבער די קעטסקילס, אויספאלגענדיג דערמיט א תקנה וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געמאכט פאר צוויי יאר צוריק זומער אז מ'זאל נאר פארקויפן סאטמארע פלייש אין אונזער בוטשער סטאר אין די קעטסקילס, מיט אן אויסנאם פון די גראסערי אין די סאטמארער באנגעלוי קאלאני אין ווייט לעיק.

"מען קען פשוט נישט דערשטרייטן די גרויסע נאכפראגע פונעם ציבור און עס אונז שווער אויסצורעכענען פון פאראויס וויפיל פלייש צו באשטעלן", זאגט אונז איינער פון די מיטארבייטער וועלכע פירן אן מיט'ן פלייש געשעפט אין סאוט פאלסבורג. דאס ווייזט באשיינפערליך וואספארא אינטערעסע און נאכפראגע דער היימישער ציבור, אפילו פון אנדערע קרייזן, האט איינצוקויפן היימישע מהודר'דיגע פלייש כרצון קדשו פון מרן רביה"ק זי"ע.



דער פראכטפולער בוטשער סטאר אין סאוט פאלסבורג

## גרויסער לאקאל אפגעקויפט פאר א נייעם פלייש געשעפט אין ניי-וויליאמסבורג

אין אן אנדערע נייעס איז אויפגענומען געווארן די פריידיגע נייעס אז דער בוטשער קאמיטע האט מיט עטליכע וואכן צוריק געשלאסן דעם מקח אויף א נייעם לאקאל אין ניי-וויליאמסבורג, וואו מ'פלאנט אויפצובויען א נייעם בוטשער געשעפט פאר די געגנט.

שוין א לענגערע צייט וואס עס גייען אן ערנסטע באמיאונגען דורך די בוטשער קאמיטע צו עפענען א פרישע בוטשער סטאר, צו סערווירן די טויזנטער משפחות וואס וואוינען אין די ניי וויליאמסבורג געגנט אין צוגאב צו די צוויי עקזיסטירענדע בוטשער סטארס וואס פונקציאנירן שוין ביז יעצט אין וויליאמסבורג, דער צענטראלער געשעפט אויף 82 ליע עוועניו, און דער צווייטער לאקאל אויף מידעלטאון קארנער ליע עוועניו וועלכער איז שוין אפען קרוב צו צוויי יאר. אצינד ב"ה איז דער חלום פארווירקליכט געווארן מיט'ן אפקויף פון דעם נייעם ריזיגן לאקאל אויף 823 בעדפארד עוועניו.

ווי דער בוטשער קאמיטע געט איבער איז דא גאר גרויסע פלענער פאר דעם נייעם לאקאל. עס וועט איינגעארדענט ווערן מיט העכסט סאפיסטיקירטע איינריכטונגען וואו מען וועט פראסעסן די פלייש, אויך וועט מען אויפבויען א הערליכער פלייש געשעפט מיט א טעק-אוט, וועלכע זאל שטיין צום דינסט פאר די טויזנטער אנ"ש פון יענע געגנט. - פאלגט נאך ווייטערדיגע פרטים.



דער נייער פלייש געשעפט לאקאל אין ניי-וויליאמסבורג

# אלפי תלמידי מוסדותינו הק' רעכטן אפ יומא דהילולא קדישא פון מרן רבינו הקדוש זי"ע מיט גרויס התעוררות



מקום מנוחת קדשו - דער ציון הק' אין קרית יואל

די פילע טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר אין אלע אפטיילונגן אינערהאלב מוסדותינו הק', האבן מיט גרויס התעוררות אפגעהאלטן געווארן דער יומא דהילולא קדישא פון אבינו רועינו מרן הקדוש והטהור רבינו יואל בן הגה"ק רבי חנני' יו"ט זי"ע, וואס האט מיט גרויס סייעתא דשמיא אויפגעשטעלט דעם ברייט-פארצווייגטן נעץ פון מוסדות להרבצת תורה ויראה לנו ולבנינו עד ביאת הגואל.

עטליכע טעג בעפאר די יארצייט האט מען שוין אנגעהויבן צו פארציילן פאר די קינדער איבער די גרויסקייט, קדושה וטהרה, פון דעם רועה נאמן רבינו הקוה"ט זי"ע. די מלמדים האבן ערקלערט פאר די קינדער וואס מיר אלץ תלמידי תלמידיו דארפן זיך אפלערנען פון רבי'ן זי"ע פאר אונזער התנהגות טאג טעגליך, ספעציעל האט מען ארויסגעברענגט פאר די קינדער זיינע געוואלדיגע מידות טובות וואס ער האט זיך דערמיט אויסגעצייכענט פון אלס קליין קינד. דער רושם דערפון איז געווען אויסטערליש גרויס צווישן אלע קינדער.

ביי די תלמידי ישיבות קטנות אין בחורים קעמפ איז א מוצש"ק בעפאר די יארצייט געפראוועט געווארן סעודות מלוה מלכה'ס לרגל ההילולא קדישא אין יעדן ברענטש באזונדער. די בחורים האבן זיך דערביי צוגעהערט צו טרעפליכע דרשות פון זייערע חשובע מרביצי תורה און פון געלאדענטע בעלי דרשנים, וועלכע האבן אויפגעטרעטן מיט גאר שטארקע דיבורים מלא תוכן ומוסר והתבוננות בדרכיו של אותו צדיק. די סעודות האבן זיך געצויגן ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן און איז געווען די ריכטיגע הכנה צום יארצייט וואס איז אויסגעפאלן פרייטאג פ' ראה.

דאנערשטאג פארנאכטס זענען די קרוב צו זעקס הונדערט תלמידי ישיבה קטנה וצעירים געפארן קיין קרית יואל, צו די סעודת הילולא רבתי ושולחנו של כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס איז אפגעראכטן געווארן במעמד אלופי אלפי ישראל אינעם זאל פונעם בנין התלמוד תורה החדש אין קרית יואל, וואו זיי האבן מיטגעהאלטן די סעודה שגדולי הדור מסובין בו, און די דרשות ודברות קודש פון רבינו שליט"א.

נאך די סעודה זענען די הונדערטער בחורים ארויף זיך משתטח זיין ביים ציון המצויינת צוזאמען רבינו שליט"א, וואו מ'האט מיט גרויס התעוררות מעורר רחמים געווען להזכר ולהפקד בדבר ישועה ורחמים, און ישועות ורפואות לטובת הכלל והפרט.

זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל.

## קינדער פון זומער חדר זאגן פסוקי תהלים לעילוי נשמת כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע




דער קונטרס וואס די קינדער האבן באקומען אין ת"ת

אינעם זומער חדר דאהי אין וויליאמסבורג אין ת"ת בניני זופניק האט מען דעם יארצייט טאג פארוואנדלט פאר אן התעוררות'דיגער טאג ווען די קינדער זענען זיך צוזאמגעקומען אין עס-זאל און א לענגערע צייט געזאגט תהלים מיט גרויס התעוררות, אין ספעציעלע קונטרסים וואס די הנהלת התלמוד תורה האט צוגעשטעלט. דערנאך האבן זיי געזאגט די אותיות פון קאפיטל קי"ט יואל בן חנני' יו"ט - נשמה כנהוג ביי א יארצייט.

צוליב די קורצע צייט איז נישט ערלויבט געווארן צו לאנג ארומצורעדן איבער'ן יום ההילולא, אבער במשך די וואך האט מען נאכאנאנד ארומגערעדט צו די קינדער איבער די גרויסקייט פון א יומא דהילולא פון א צדיק, וואס די קינדער האבן אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעסע.

# הערליכע שבע ברכות פאר'ן מנהל פון ת"ת בניני זופניק הרה"ג רבי בנציון יאקאבאוויטש שליט"א

א גאר הערליכע מסיבת שבע ברכות איז אפגעראכטן געווארן פארגאנגענעם זונטאג פרשת כי תבא אין ת"ת בניני זופניק לכבוד דעם מנהל רוחני הרה"ג ר' בן ציון יאקאבאוויטש שליט"א, וואס האט בשעטומ"צ חתונה געמאכט זיין טאכטער תחי' מיט הבה"ח כמר אבא שלום נ"י, בן ידידינו היקר והחשוב משמח אלוקים ואנשים מוה"ר יושע אביגדור בערקאוויטש הי"ו.

די קינדערלעך זענען אלע געקומען אנגעטאן אין ווייסע העמדער לכבוד דער שמחת שבע ברכות, און האבן געזינגען שיינע ניגונים לכבוד המאורע אנגעפירט דורכן מלמד מומחה הרב ר' יואל טענענבוים שליט"א.

דערנאך האט מען מכבד געווען דעם סעלישער רב הרב הגאון רבי זלמן לייב גראס שליט"א אויפצוטרעטן מיט א פאר ווערטער. דער סעלישער רב האט ארומגערעדט בשבחו פונעם מנהל לכבוד וועמען מ'האט צוגעשטעלט די סעודת שבע ברכות, און דערביי אויך משמח געווען דעם חתן מיט'ן עולם מיט זיינע שיינע טרעפליכע דיבורים.

דאן האט אויפגעטרעטן דער פאטער פונעם מנהל הרבני החסיד ר' בערל יאקאבאוויטש שליט"א מזקני ופארי קהלתינו הק', וועלכער האט גערעדט קורצע טרעפליכע ווערטער לכבוד די שמחה, ארויסברענגענדיג רגשי לבבו אז זיין זון איז עומד בראש מערכת החינוך של תשב"ר וואס אויף זייער זכות שטייט די וועלט.

אויך דער מנהל הרב ר' בן ציון שליט"א האט געזאגט אפאר ווערטער צו די קינדער, וואו ער האט זיך גלייכצייטיג באדאנקט פאר די הנהלת הת"ת וואס האבן אים צוגעשטעלט דעם שיינעם שבע ברכות, און האט דערביי אנגעוואונטשן די קינדער אז זיי זאלן זוכה זיין אויסצואוואקסן ערליכע אידן תלמידי חכמים ויראי ה' פון וועמען די עלטערן זאלן שעפן אסאך תענוג ונחת דקדושה.

דער מחותן מוה"ר יושע הי"ו האט דערנאך ארויפגעלייגט הארציגע גראמען און חרוזים לכבוד די שבע ברכות, וואס האט אסאך צוגעגעבן צו די שמחה'דיגע שטימונג. נאך ברכת המזון מיט וואס דער מנהל איז מכובד געווארן, האט מען צוטיילט די שבע ברכות צווישן די מלמדים, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ לכבוד די שמחה.



דער מנהל הרב בנציון שליט"א בענטשט ברכהמ"ז



דער זיידע הרה"ח ר' בערל שליט"א רעדט צו די קינדער



דער מחותן מוה"ר יושע בערקאוויטש הי"ו זינגט חרוזים



דער מנהל ביים אויפטרעטן מיט טרעפליכע ווערטער



הרה"ג סעלישער רב שליט"א באגריסט די שמחה





די הונדערטער באח'נ'טע קינדער ביים מעמד



# פון א קינדער וועגעלע... ביז א פלאטע פון 36 באסעס

**אין ליכט פון דער פריידיגער אנטוויקלונג אינערהאלב דער טראנספארטאציע דעפארטמענט אז זיי האבן צובאקומען 4 שפאגל-נייע באסעס פון דער רעגירונג, און דורכדעם איז דער ריזיג-פארצווייגטער טראנספארטאציע פלאטע נאך מער אויסגעברייטערט געווארן, איז כדי אויפצואוויקלן עטליכע היסטארישע דעראינערונגען וויאזוי דער טראנספארטאציע דעפארטמענט האט זיך אנגעפאנגען בקרב מוסדותינו הק':**

ווען מרן רבינו הקדוש זי"ע האט מיט מסי"נ געגרינדעט די הייליגע מוסדות מיט העכער זעכציג יאר צוריק, האט מען אויך געדארפט זארגן פאר די טראנספארטאציע מיטלן וויאזוי צוברענגען די תשב"ר אין חדר. עס איז דאן נאכנישט געווען גענוג קינדער צי געלט פאר קיין באסעס, נו האט מען בלית ברירה איינגעשפאנט עטליכע חסידים ואנשי מעשה אין די עבודת הקודש. זיי פלעגן יעדן טאג ברענגען די קינדער פון אום צום חדר מיט עטליכע קינדער וועגעלעך (קערידזשעס). מ'האט אריינגעפאקט עטליכע קינדער אין א קערידזש און זיי אזוי געפירט אויף די גאס ביז צום חדר.

עס פארציילן זקני חסידים אז ביי די אמעריקאנער אידן איז דער גאנצער פרימיטיווער טראנספארטאציע מיטל געווען צו שפאט און צו שאנד, און זיי האבן חוזק געמאכט פון די "גרינע" אידעלעך וואס מוטשענען זיך נעבעך אין אלע הינזיכן אנצוהאלטן מיט מסי"נ זייער הייליגע אור-אלטע מסורה.

נאך א שטיק צייט האט מען געשאפן עטליכע אלטע סטעישן וועגאנס מיט וואס מ'האט געפירט די קינדער. הרה"ח ר' אלי' דוד טירנויער ע"ה האט זיך געשאפט אן אלטע צעבראכענעם ווען וואס איז געווען מער צובראכן ווי גאנץ... וואס מיט דעם האט מען געטראגן און געברענגט די קינדער. אבער פארט איז נאך אלס באנוצט געווארן דער ערשטער מיטל, קערידזשעס.

***

אויך ווען דער רבי זי"ע האט געגרינדעט די בית רחל שול, האט אים זייער געדרוקט דער רבוי ההוצאות וואס עס וועט אפקאסטן די טראנספארטאציע קאסטן. און דער רבי האט געזארגט און געטראכט אויפצוקומען מיט ביליגע וועגן וויאזוי צו קענען פירן די טעכטער אין שול זיי מחנך זיין אויפ'ן ערליכן אידישן וועג.

הרה"ח ר' אביגדור יאקאבאוויטש ע"ה האט פארציילט, אז אזוי ווי ער האט דאן פארמאגט א קליינעם טרעקל פון וואס ער האט געצויגן זיין פרנסה דורך מאכן דעליווערים פאר געשעפטן, האט אים דער רבי ז"ל געלאזט רופן און אים דערציילט אז ער פלאנט צו גרינדן א מיידל שולע נאר איינס פון זיינע פראבלעמען איז די הוצאות פאר טראנספארטאציע וואס דארף אפקאסטן בערך פינעף טויזנט דאלאר א יאר, דעריבער האט ער באשלאסן צו בעטן א טובה פון די היימישע מענטשן וואס האבן אן אויטא (יענע יארן האט רוב עולם נאכנישט פארמאגט קיין קאַרס) ארויסצוהעלפן פאר די מוסדות מיט'ן פירן די קינדער אומזיסט מיט זיערע אייגענע אויטאס א געוויסע צייט, ביז דער מוסד וועט זיך קענען שטעלן אויף די פיס.

דער רבי ז"ל האט אים דערביי אויסגעפרעגט זיין סדר היום פונקטליך ווען ער ברויך נוצן זיין אויטא צו דעליווערן סחורה אין די געשעפטן, וועלכע שעה'ן ער איז פריי צו קענען טראנספארטירן די קינדער און זיי ברענגען אין שולע און שפעטער אהיימטראגן. ווען ר' אביגדור האט אויסגערעכנט זיין סדר היום, האט דער רבי אים פונקטליך אנגעוויזן וועלכע שעה'ן אינדערפרי ער זאל טראגן די קינדער אין שולע, און ווען גענוי נאכמיטאג ער זאל זיך אונטערנעמען זיי אהיימצוברענגען פון דארט.

דער רבי ז"ל האט אים דאן געזאגט אז כאטש ער בעט פון אים צו טאן אן אומזיסטיגע טובה צו טראנספארטירן די קינדער, נעמט ער זיך אבער אונטער צו דעקן די הוצאות פון געזאלין. די דאזיגע הוצאות האפט ער יא צו קענען שאפן, און אזוי וועט ער קענען בעז"ה צוטרעטן צו גרינדן די מיידל שולע.

ר' אביגדור ע"ה האט זיך תיכף ומיד אונטערגענומען די נישט לייכטע טראנספארטאציע ארבייט שלא על מנת לקבל פרס, און אזוי האט דער רבי געקענט פארזעצן מיט די פלענער צו גרינדן די בית רחל מיידל שולע.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך איז כדי צו דערמאנען ווי מ'זעט ווי ווייט דער רבי ז"ל האט זיך געזארגט פאר די טראנספארטאציע פון די קינדער און פאר זייער וואוילזיין און זיכערהייט.







היסטארישע בילדער פון די אמאליגע באסעס און פון די צאן קדשים, נעבן די ת"ת אויף באורום סטריט

ר' אביגדור ע"ה האט פארציילט אז ביי יענעם שמועס האט אים דער רבי ז"ל אים געזאגט, אז לויט ווי ער איז אינפארמירט זענען דא ספעציעלע געזעצן פון די רעגירונג וואספארא אויטא מ'מעג נוצן צו טראנספארטירן קינדער אין די שולע, מ'דארף האבן ספעציעלע לעמפלעך או"וו און זיין אויטא איז נישט איינגעריכט מיט די ספעציעלע צוגעהערן, און דער רבי ז"ל האט אים געפרעגט צי ער קען זיך משתדל זיין איינצוארדענען אין זיין אויטא די אלע צוגעהערן וואס פעלט אויס פאר די טראנספארטאציע פון קינדער.



ר' אביגדור האט גלייך ערפילט דעם רבי'נס רצון, און איז געגאנגען צו א געוויסן איד וועלכער האט אנגעפירט איינס פון די מוסדות אין ניו יארק וואס איז געווען באקאנט מיט די לעגאלע טראנספארטאציע פראצעדורן, און ער האט אים געבעטן בשם דעם רבי'ן ער זאל אים ארויסהעלפן פאר דעם צוועק. עס האט אים דאן אפגעקאסט הונדערט דאלאר צו אינסטאלירן די נויטיגע איינריכטונגען און ער האט געברענגט פארטיג דעם אויטא לשביעות רצונו פונעם רבי'ן.

דער רבי ז"ל איז דאן אליין אראפגעקומען פון שטוב צו באטראכטן דעם אויטא פון ר' אביגדור, זען צי עס איז צוגעפאסט פאר דעם צוועק צו ברענגען אידישע טעכטער אין די שולע. ווען דער רבי ז"ל האט געזען אז אלעס איז אין ארדענונג איז צו זיין שמחה נישט געווען קיין גרעניץ.

***

אויך הרה"ח ר' יונה לאנדא הי"ו שילדערט אין זיינע זכרונות "איבער די גרינדונג פון די סאטמארער מוסדות", עטליכע אינטערעסאנטע שורות איבער די דעמאלטסדיגע פרימיטיווע טראנספארטאציע מיטלן אין די תש"י יארן וואס עס איז אינטערסאנט צו פאראייביגן, ווי פאלגענד:

אין די ערשטע צייטן איז געווען אן א שיעור שוועריקייטן אויף יעדן געביט, ווי דער סדר איז אז "כל התחלות קשות". די טראנספארטאציע צום בייש פיל איז אין די ערשטע יארן געווען אן אפקומעניש. די קינדער וואס האבן געוואוינט בשכינות פון די תלמוד תורה זענען געגאנגען און געקומען צופיס. דאקעגן די קינדער וואס האבן געוואוינט עטליכע גאסן אוועק האבן געדארפט אנקומען צו טראנספארטאציע מיטלען.

צוליב מאנגל אין געלט האט די תלמוד תורה געקויפט אן אלטן אפגענוצטן באס'ל, וואו עס איז געווען פלאץ פאר 20 דערוואקסענע פאסאזשירן, און מען האט אריינגעשטופט וויפיל קינדער מען האט נאר געקענט. דער ערשטער באס דרייווער איז געווען הרה"ח ר' אלי' דוד טירנויער ע"ה.

למעשה איז דער באסל יעדן צווייטן טאג געווען ביים מעכאניקער. עס האט זיך כסדר צובראכן און די קינדער זענען געווען געצוואונגען צו ווארטן אין די קעלט. דער דעמאלטסדיגער ענערגישער מנהל הרה"ח ר' יודל ראזענבערג ז"ל און דער דרייווער ר' אלי' דוד פלעגן ארומגיין פארזארגט, פרובירנדיג צו שאפן סיי וואספארא טראנספארטאציע מיטל פאר די קינדער. צומאל פלעגט מען טרעפן עפעס א קאר און אזוי האט מען מיט אומגעהויערע שוועריקייטן באזארגט די טראנספארטאציע פאר יענעם טאג.

דאס איז געווען איינס פון די גרעסטע שוועריקייטן סיי פאר די קינדער און סיי פאר דער תלמוד תורה גופא, ווייל צוליב די נאכגעלאזנקייט ביי די טראנספארטאציע האבן די קינדער פארשפעטיגט און אנגעקומען אין חדר טיף אינמיטן לערנען, און עס האט נאטורליך געשטערט דעם גאנצן סדר הלימודים.

נאך א שטיק צייט פון מאטערן זיך איז ענדליך אפגעקויפט געווארן א נייע הערליכע "מיני באס", וואס דאס איז געווען א גרויס שמחה צווישן די קינדער און אויך ביי די מלמדים, יענע טעג איז ממש געווען א יום טוב'דיגער שטימונג אין תלמוד תורה. פון דעמאלטס אן איז טאקע די טראנספארטאציע אנגעגאנגען פונקטליך.

אפילו ווען די ישיבה האט שוין געהאט א גרעסערע צאל באסעס, האט דער ערשטער "מיני באס" נאך אלץ געדינט פאר די תלמוד תורה פאר פארשידענע טראנספארטאציע צוועקן און פאר אלע באדערפענישן פון די תלמוד תורה.

***

אבער פונקט ווי פון איין אייניציגער פארהעלטנסמעסיגער בנין המוסדות אויף 484 בעדפארד עוועניו, וואו עס געווען דער וויגעלע און געבורט פון מוסדות סאטמאר, האבן זיך די מוסדות צעוואקסן און צעבליעט און פארמאגן ב"ה היינט צוטאגס ברייט פארצווייגטע מוסדות התורה והחינוך אין פילע אידישע שטעט און צענטערן איבער דער גארער וועלט, וואס בלויז דא אין וויליאמסבורג פארמאגן מיר א ריזיגע אימפעריע וואס גרייכט דעם זומער שנת תשע"א צו אומגעפער 8,500 תלמידים ותלמידות אינערהאלב די מוסדות; קרוב צו 1000 איינגעשטעלטע, מלמדים, טיטשערס, מגי"ש, מנהלים, און אפיס ארבייטער; 13 גרויסע בנינים פאר בחורים יונגעלך און מיידלעך, און אזוי ווייטער.

דאס זעלבע געווי זענען פון די אמאליגע פרימיטיווע קינדער-וועגעלער אויסגעוואקסן ריזיגע פארגעשריטענע און באקוועמע באס פלאטעס וועלכע פירן די תלמידים ותלמידות פון און צום חדר און שולע, און די הנהלת מוסדותינו הק' אליין פארמאגן היינט צוטאגס א ריזיגע באס פלאטע פון 36 באסעס, פון וועלכע דרייסיג און דריי זענען אויפן ראוד טאג טעגליך, און די איבריגע 3 באסעס ווערן באנוצט אין פאל א באס צעברעכט זיך אדער מאכט פראבלעמען.

אויך אין דעם טראנספארטאציע געביט האט דער סייעתא דשמיא באגלייט דעם רבי'ן זי"ע, אז עס ווערט נתרבה מדי שנה בשנה און אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויסטערלישן וואוקס און הרחבת גבולי הקדושה פון די מוסדות ווערט אויך אויסגעברייטערט די ברייט-פארצווייגטע טראנספארטאציע דעפארטמענט אויף אן אומגלויבליכן פארנעם לשם ולתפארת.





היסטארישע בילדער פון די אמאליגע באסעס, נעבן די ת"ת ויואל משה



# דרשות, שמועסן, דערציילונגען, אינטערוויו'ס

## דרשת הרה"ח ר' **חיים יצחק מאנדל** שליט"א - אדמיניסטראטאר מוסדותינו הק'

### מוצש"ק פ' וישב כ"א כסלו תשע"א לפ"ק באולם וועסטערן פלאזא

**ברשות כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א וברשות פון אלע חשובע פארזאמעלטע, מורי ורבותי:**

אונז זעמיר זיך דא צוזאמגעקומען היינט נאכט כ"א כסלו, יום הצלת רבינו הקדוש זכותו יגן עלינו, מחזק צו זיין די מוסדות הקדושים.

קודם ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די הנהלת הישיבה, און די אלע עסקנים וואס זענען וואכן לאנג ארומגעגאנגען נאך געלט צו נדיבי עם, און מען האט ב"ה געזען וואספארא שטארקע הערצה דער ציבור האט צו די מוסדות. אחרון אחרון חביב די עסקנים אינגעלייט וואס האבן זיך היי יאר אריינגעלייגט, צוהעלפן צוגרייטן די היינט נאכטיגער דינער, אז אלעם זאל זיין לשם ולתפארת, ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלימה.

**מיר האבן זיך געוואלט אביסל אדורך שמועסן איבער די מצב פון די מוסדות ברוחניות און בגשמיות!**

ווי עס איז ביי יעדן איינעם באקאנט שטייען די מוסדות הקדושים אין ווילימסבורג בסייעתא דשמיא אויף גאר א הויכן שטאפל. אנגעפאנגען ביי די אינגלעך אין ויואל משה וואס פארגאנגענעם אלול האבן מיר געענדיגט דעם יאר מיט העכער 990 קינדער בליעה"ר - וואס ווער עס טרעט איבער די שוועל קומט ארויס באגייסטערט אויף די הערליכע אויפנאמע וואס יעדער באקומט דארט, און אויף די תכלית ווי די קינדער קומען אהיים מיט ידיעות שונות, יראת שמים, מדות טובות. וואס אלע יונגעלייט וואס זענען דא אינעם זאל קענען מעיד זיין דערויף.

אזוי ווייטער אין כיתה א', וואס ציילט זיך היינט פאראלעל 14 קלאסן, וואס מלמדים מומחים לייגן אריין א גרויס הארעוואניע, אז קיין איין קינד זאל נישט ארויספאלן, און זאלן גוט קענען די אל"ף בי"ת און עברי, וואס דאס איז דער יסוד פאר א גאנצן לעבן.

און אזוי ווייטער כתה ב' און ג' התחלת חומש רש"י און משניות, און אין כתה ד' ה' ו' התחלת גמרא, און ווייטער ז' ח' ט' וואס קינדער קומען ארויס "ותלמודם בידם" מיט גאנצע בלעטער גמרא פון מסכת בבא מציעא, מכות, בבא קמא, קידושין, וואס די פארהערער'ס און עלטערן תלמידי חכמים, זענען באגייסטערט פון די טיפע הבנה און בקיאות וואס די חשובע מלמדים לייגן אריין.

והעולה על כולנה, די ישיבות קטנות וואס זענען די לעצטערע יארן שטארק ארויפגעארבעט געווארן, וואו עס לערנען דארט דעם זמן ארום 600 בחורים וואס שמם הטוב הולך לפניו. די בחורים לערנען ביגיעה עצומה, גמ' תוספות און ראשונים, שו"ע, ספרי מוסר, חסידישע ספרים, און האבן א שטאב פון די בעסטע מגידי שיעור און מנהלים. וואס די פירות קומען ארויס לשם ולתפארת.

צוליב דעם האבן מיר היי־יאר געעפענט א נייע ברענטש, נאך א סניף צו די פריעדיגע 3 ברענטשעס, עס זאל נישט זיין צופיל בחורים אונטער איין מנהל. מיר האבן נישט געשפארט קיין געלט און געדינגען נאך א פלאץ, און אויפגענומען נאך סטעף א מנהל מיט מגי"ש, וואס קאסט אפ אפאר הונדערט טויזנט דאלאר.

אזוי אויך ביי די מיידלעך אנגעפאנגען פון די נורסערי און קינדערגארטן וואס זענען אין בנין עסטרייכער וואס מיר האבן דארטן 34 קלאסן מיט 750 מיידלעך. און די הנהלת הישיבה זוכט יעצט א פלאץ וואו מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, ווייל לויטן חשבון דארפן מיר עפענען נאך 8 קלאסן ביזן ענדע יאר, און דארטן איז נישטא מער קיין פלאץ.

אזוי אויך אין בנין ברכה סימא וואו עס געפינען זיך 95 קלאסן מיט 2493 תלמידות בליה"ר כן ירבו. אנגעפאנגן פון פרי־וואן־עי וואס עס איז דא פאראלעל 14 קלאסן, ביז די אכטע קלאס. אויפן קומענדיגן יאר, וועט מען לכאורה מוזן צו דינגן נאך א בנין וואו צו פלאצירן די פרישע קלאסן.

און אזוי ווייטער אין בנין העריסאן ביי די היי־סקול וואס לערנען דארטן די ניינטע צענטע און עלפטע קלאסן מיט 700 תלמידות, איינגעטיילט אין 23 קלאסן, אזוי אויך די צוועלפטע קלאס וואו עס לערנען אויף העיווארד סטריט 190 תלמידות.

ביי די מיידלעך האט מען אין די לעצטע יארן אריינגעלייגט אסאך געלט און הארעוואניע, און די טיטשערס און מנהלות לייגן אריין איבערמידליכע כוחות אז יעדע תלמידה זאל זיין באגלייט. עקסטער האבן מיר א שטאב פון יונגעלייט וואס געבן זיך אפ ארויפצוארבעטן דעם סדר הלימודים. מיר האבן אנגעהויבן ארויסצוגעבן אייגענע ביכער אויף הלכה, היסטאריע, צניעות, השקפה, ציונות, וואס דאס קאסט אפ הונדערטער טויזנטער דאלאר א יאר.

און צוגאב פון רוחניות ווערט די מוסדות באגלייט מיט א שטאב פון גשמיות'דיגע איינגעשטעלטע, ווי אפיס ארבייטער, קעכערס, מענעדזשערס, באס דרייווערס, ריפעירס און מענטינעס, דיספעטשערס, מעקעניקס, און להבדיל גוים. עס קומט אוים דער חשבון אז א יעדעס קינד וואס גייט אין חדר אדער אין סקול ווערט באדינט יעדן טאג פון בערך 25 מענטשן.

אין צוגאב צו אלעמען האבן מיר זיך אונטערגענומען אויפצובויען דעם נייעם בנין בית רחל אויף העריסאן עוועניו. וואס דאס וועט קאסטן אן ערך פון 20 מילאן דאלאר, און מיר האבן שוין אריינגעלייגט דערין 5 מיליאן דאלאר. **ב"ה פארגאנגענע וואך איז פארטיג געווארן די ארכיטעקט פלענס פונעם מעכטיגן בנין. אונז האף מיר בקרוב צו גראבן און לייגן די אבן הפנה.**

אין אמת אריין לויט די עקאנאמיע וואלטן מיר זיך נישט געטארט אריינלייגן אין דעם פראיעקט, אבער דער דוחק מקום צווינגט אונז דערצו, און **אונזער אחריות איז צוזושטעלן דאס בעסטע פאר די עלטערן** און קינדער. ווי דער רבי זי"ע זאגט אין די תורות אז **"מען הארוועט נישט פאר געלט, מען הארעוועט פאר תורה"**.

די אלע זאכן קאסטן אפ שווערע מיליאנען און געוואלדיגע כוחות, און די הנהלת הישיבה זאגט פאר יעדן איינעם היינט נאכט **"לא אוכל לבדי שאת אתכם"**. מיר קענען נישט טראגן אליינס די לאסט, **מיר האבן פאלוירן סכומים אדירים פון נגידים די לעצטע פאר יאר, און מיר מוזן צו קומען צו יעדע נתינה, א** יעדער איינער מוז צולייגן א האנט.

סוף כל סוף טראגן מיר דעם שווערן עול ברוחניות ובגשמיות. **מיר צאלן די מלמדים און כלי קודש מדי שבוע בשבוע, און מיר זען אז אלעם זאל זיין אויפן בעסטן אופן.** פאר וועם?, פאר אייערע קינדער און אייניקלעך.

**מיר בעטן אייך! טוט אויך די מינימום פאר אייערע קינדער און אייניקלעך.**

**צאלט שכר לימוד אין צייט!** דינגט אייך נישט אויפן שכ"ל! יעדעס קינד קאסט מער ווי דאפעלט וויפיל מיר בעטן!

**קויפט איין ביי אונז אין בוטשער**, ווי דער רבי זי"ע האט פארלאנגט, וואס דאס איז א גרויסע הכנסה פאר די ישיבה.

און בעיקר רופט אייך אן ווארעם ביים היינט נאכטיגן דינער! די מוסדות איז דאך יעדנס פריוואטער אייגענטום! באטראכט די הוצאה ווי אן אויסגאבע וואס איר געט אוים פאר אייערע אנדערע פריוואטע זאכן. ווי דער רבי פלעגט זאגען ביי די דינערס אז די מוסדות איז יעדנס פריוואטער געשעפט, וזה לשון קדשו: **"על כל אחד ואחד מוטל לעשות פעלים להחזקת ישיבתינו לפי שזה עסק פרטי שלו והוא צריך לעבוד למענו ולעשות כל מה שביכלתו להביא תומכים"**. געלט פארן מוסד גייט נישט אריין אין שיעור פון נתינת צדקה, נאר **"כל אשר יש לו יתן בעד נפשו"**.

אין דעם זכות זאל דער אייבערשטער העלפן אז יעדער זאל זען נחת פון זייערע קינדער מתוך עושר ואושר, עדי נזכה לביאת הגואל, ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן.

# בילדער פונעם זומער חדר אין ת"ת ויואל משה

















פארנדיג אויף א לוסט שיף אויפן גרויסן ים









די קינדער פון כתה א' פארברענגען די פרייע צייט
מיט קאלערן און אנדערע שפילערייען די ת"ת

# בילדער פונעם זומער חדר אין ת"ת ויואל משה







אן אינטערעסאנטע זאא איז אראפגעברענגט געווארן אין הויף פון די ת"ת



די ספעציעלע פראקטישע רוקן שווים-זעקלער פון די קינדער









פארברענגענדיג אין א פארק מיט העכסט אינטערעסאנטע רייד'ס

# בילדער פונעם זומער חדר אין ת"ת ויואל משה








די קינדער באקן קיכן אינעם בנין הישיבות אויף וועווערלי עוועניו









די קינדער באקומען א שאנס זיך צו באקענען מיט די נאבעלע אקטיוויטעטן פון חברה הצלה

איינער פון אונזערע קאלעגען שילדערט זיינע איבערלעבענישן אין א ספעציעלן קאלום אין "דער איד", וואס ער האט געשפירט ביים ערד-ציטערניש וואס האט באטראפן צפון-מזרח אמעריקא דינסטאג פרשת ראה, און עס איז מערבאר דער פאקט וואס ער ברענגט ארויס אז די סדרי הלימודים זענען ב"ה יענעם טאג אנגעגאנגען געהעריג אומגעשטערט.

# סדרי הלימודים אין די מוסדות גייען געהעריג אן טראץ דעם שרעק פונעם ערד-ציטערניש אין ניו יארק




## דער ערד ציטערניש אין ביורא פון די סאַטמאַרער מוסדות

### אַן ארבייטער אין אָפיס פון די סאטמארער מוסדות גיט איבער פאר דער איד:

"איך בין דאן געווען ביי אונז אין דער סאַטמארער ישיבה אפיס אויף 82 ליע עוועניו, האלטענדיג אינמיטן ארויסהעלפן מיינס אַ קאָלעגע ארבייטער, אינמיטן איך געשפירט ווי דער פאָדלאָגע אונטער מיר הייבט זיך אָן צו שאָקלן און טרייסלן. כ'האָב געזען דעם קאָמפיוטער סקרין זיך מיט שאָקלן, די פענסטער האָבן געטרייסלט, די בענקלעך האָבן ווייבערירט או"ו, כ'האָב באַלד געזאָגט פאר מיין חבר עס קוקט אויס ווי אַן ערד ציטערניש!!!

"דאָס שאקלן האָט אָנגעהאלטן לערך 30 רגעים און עס איז ב"ה אריבער בשלום. עס איז מיר גראדע געווען אינטערעסאנט מיטצוהאלטן אַן ערד-ציטערניש די ערשטע מאָל אין מיין לעבן. ביני לביני זענען מיר ארויס צו אַ פאָרטש וואָס פירט אראָפ מיט פייער עסקעיפ שטיגן צו דער גאָס, כ'האָב געוואָלט קוקן וואָס איז דער מצב אינדרויסן, צו מענטשן לויפן... אבער ווי עס שיינט, און כ'האָב נאכדעם אזוי געהערט פון פיל אנדערע האָט מען גייענדיג אויף דער גאס וויניגער אדער גאָרנישט געשפירט.

"עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי מענטשן גייען ארום איינקויפן ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט, און עס האָט זיך מיר אנגעהויבן דאכטן אַז מיר האָבן ביידע גע'חלום'ט און דאן שטייענדיג מיט'ן אפעגעם טיר צו די פייער שטיגן, איז געקומען דער צווייטער טרייסל וואָס האָט אויך אנגעהאלטן אַ היפשע ווײַלע. עס האָט אונז אנגעכאפט אַזאַ פחד ווייל כ'האָב געטראכט ווער ווייסט צו דאָס איז נאר די התחלה און דאָ קומט יעצט פאר אַ מאסיווער ערד-ציטערניש, ותוצאותיו מי ישורנה ר"ל!

"כ'האָב געזאגט פאר מיין חבר אַז די ערשטע זאך מוזן מיר ארויסלויפן פונעם בילדונג, וואָס איז גראדע היפש א שוואכער סטרוקטאר. זעענדיג אַז ער וויל אראָפלויפן דורך די פייער שטיגן האָב איך אים געזאגט אַז דאָס איז מסוכנ'דיגע שטיגן אין אזא פאל. מיר זענען ביידע געלאָפן צום הויפט טרעפן צימער, וואו אלע אונזערע ארבייטער פון אלע שטאקן, זענען מיט די נשמה אויף די שפיץ נאָז, אראָפגעלאפן זיכן אַ זיכערער אָרט אויף די גאס...

"די גאסן זענען געוואָרן פולער פון מינוט צו מינוט. מענטשן זענען ארויסגעקומען פון די הייזער און אפיסעס מיט בלייכע פענימ'ער, טייל זענען געווען אין טיפן שאק. אלעס האָט דערציילט די זעלבע מעשה

אַז זיי האָבן געפילט ווי דער גאנצער אפיס זייערע שאָקלט זיך ווי עס וואָלט געווען אַ פארענדיגע שיף... די פארבייגייער האָבן געקוקט אויף אונז מיט וואונדער, ווייל ווי דערמאנט האָבן רוב מענטשן פון די גאס גארנישט געשפירט.

"מיר האָבן באלד באמערקט אַז גארנישט עקסטערס האָט פאסירט. קיין בילדונגס זענען נישט געפאלן, און אפי' נישט קיין פאָרטשעס אדער ציגל. האָב איך בארואיגט מיין חבר – וואָס איז געווען שטארק דערשראָקן און האָט זיך עטליכע מאָל פרובירט צו פארבינדן מיט זיין ווייב צו הערן איבער איר וואוילזיין אבער אן ערפאלג – אַז עס איז מיר שווער צו גלייבן אַז ביי אים אינדערהיים האָט יאָ עפעס פאסירט ח"ו, ווייל מ'וואָלט זיכער געהערט אַ געלויפעניש פון עמורדזשענסי כוחות און רעטונגס אגענטורן, און אין פאקט איז שוין אריבער עטליכע מינוט און ביזדערווייל איז שאַ שטיל.

"איך מיט אלע ארומיגע האָבן זיך אויך פרובירט צו פארבינדן מיט אונזערע פרויען אינדערהיים צו הערן אַז אלעס דארט איז אין דער ארדענונג, אבער די טעלעפאנס זענען נישט אריבער, נישט די געהעריגע און נישט די סעלפאונס. דאָס האָט אנגעהאלטן לערך צוואנציג מינוט.

"נאך אַ ווײַלע וואָס איז אריבער, זעענדיג אַז עס שפירט זיך נישט קיין "עפטער שאקס" זענען אלע ארבייטער צוריק אריינגעגאנגען אין בילדונג.

"איך בין גראָדע אריבערגעגאַנגען מיט מיין חבר צום דערנעבענדיגן בנין הת"ת ויואל משה, וואו עס לערנען הונדערטער קליינע נורסערי קינדערגארטן יונגלעך, זייענדיג באזאָרגט אויב אלעס איז אין ארדענונג, און מיר האָבן געזען אַז דער מצב איז אין דער בעסטער ארדענונג עצהיו"ט ווי אַ רעגלמעסיגער טאג. יונגלעך לערנען און פארברענגען מיט די מלמדים, אלעס גייט אַן תמידין כסדרן. האָב איך געפרעגט דעם מנהל צו זיי האָבן אפשר נישט געשפירט דעם ערד-ציטערניש, האָט ער מיר געענטפערט אַז יא, נאר ער האָט פרובירט צו האלטן רואיג דעם מצב נישט וועלנדיג עס זאָל ח"ו ווערן אַ פאניק וואָס דאָס קען ברענגען פיל ערגערע קאנסעקווענצן, און רוב מלמדים האָבן ניטאַמאָל געפילט דעם טרייסל זייענדיג פארטאָן זיך אפצוגעבן מיט די קינדערלעך מיט געטריישאפט.

# מזמור לתודה

לעת כניסת השנה החדשה שנת תשע"ב הבעל"ט הננו בזה להביע רגשי תודה ומיטב ברכותינו

**לכל המנהלים והעוסקים במלאכת הקודש במסגרת מוסדותינו הק' שיחי' כל אחד בשמו הטוב יבורך**

שעמדו לימינינו בסיוע במשך כל השנה העעל"ט כדי שנוכל להוציא לאור עולם גליונינו המפואר "קול תורה ויראה", ובמיוחד:

להרב ר' **יושע אלימלך לאנדא** שליט"א
מנהל בת"ת ויואל משה

הרב ר' **משה יודא פריעדמאן** שליט"א
מנהל בישיבה קטנה ח"א

הרב ר' **בנציון יאקאבאוויטש** שליט"א
מנהל בת"ת בניני זופניק

הרב ר' **יעקב יצחק טייטלבוים** שליט"א
מנהל בישיבה קטנה ח"ב

הרב ר' **מאיר שווארץ** שליט"א

הרב ר' **שמואל זאב שטערן** שליט"א
מנהל אחהצ בישיבה קטנה ח"ג

הרב ר' **יעקב שטערן** שליט"א
מנהלים בת"ת עטרת יואל

הרב ר' **בנציון פייערווערגער** שליט"א
מנהל בית רחל

הרב ר' **יואל שטויבער** שליט"א
סגן מנהל בת"ת טרופ עווענױ

יהי רצון שיזכו לראות הצלחה וסייעתא דשמיא בעבודתם הקודש להדריך בנינו ובנותינו לתורה ויראת שמים ומידות טובות ע"ד ישראל סבא

גלייכצייטיג ווילן מיר דערביי אויסדרוקן אונזערע דאנק וואונטשן פאר די **חשובע מחנכות און לערערינס פון בית רחל שתחי'** וואס טוען זייער ארבייט מיט גרויס געטריישאפט, און שטייען אונז אגאנץ יאר צוהילף איינצומעלדן מה נעשה ומה נשמע אין זייער אפטיילונג כדי צו קענען באריכערן דעם קול תורה ויראה

א באזונדערן דאנק ווילן מיר געבן פאר די חשובע מיטארבייטער און מענעדזשערס העושים ומעשים למען מוסדותינו הקדושים

מוה"ר **מיכל וויינגארטן** הי"ו
מענעדזשער בנין טרופ עווענױ

מוה"ר **ישראל וואלף טייטלבוים** הי"ו
דיספעטשער פונעם טראנספארטאציע דעפ.

מוה"ר **יעקב איצקאוויטש** הי"ו
מענעדזשער בת"ת בניני זופניק

הרב **שלמה ישראל מײזליש** שליט"א - מוה"ר **יוסף מרדכי ווינער** הי"ו - מוה"ר **יודא בעריש לויפער** הי"ו - מוה"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו
מצוות העובדים בהאפיס של מוסדותינו הק'

מוה"ר **נטע שלום פירטה** הי"ו
מענעדזשער בנין ויואל משה

מוה"ר **יואל ווידער** הי"ו
מענעדזשער בנין וועווערלי

וואס האבן אונז במשך דעם יאר צוגעהאלפן צו קענען אהערשטעלן די נייעס, אינפארמאציע, דאקומענטן, פאר'ן **קול תורה ויראה** וואס טוען זייער ארבייט מיט גרויס געטריישאפט, און שטייען אונז אגאנץ יאר צוהילף איינצומעלדן מה נעשה ומה נשמע אין זייער אפטיילונג כדי צו קענען באריכערן דעם קול תורה ויראה

א באזונדערן דאנק ווילן מיר געבן פאר די חשובע מיטארבייטער און מענעדזשערס העושים ומעשים למען מוסדותינו הקדושים

מיר שפירן דערביי אויך צו געבן א באזונדערן דאנק
מעומק לבבינו פאר האברך החשוב ברוך הכשרון
נועם הליכות ופאר המידות
מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
בעל הפירמע C&G Typographic Inc
**וואס שטעלט אונז אויס דעם קול תורה ויראה מיט איר הערליכער גראפישער און אויג-פארכאפענדער אויסשטעל, וואס די טויזנטער לייענער באוואונדערן**

ואחרון אחרון חביב ליגט אויף אונז א פליכט צו געבן
א ברכת תודה לכבוד ידידינו האברך המפואר
מוכתר בכל תואר ומהולל בכל התשבחות
מוה"ר **חיים גרינוואלד** הי"ו
מלמד מומחה להועיל במוסדותינו הק'
**וואס געט זיך אוועק בלו"נ צו דעקן די נייעס פון די נורסערי קינדערגארטן אפטיילונג אינעם בנין הת"ת ויואל משה**

זכות עזרתם לטובת מוסדותינו יעמוד להם להתברך בכל מילי דמיטב בבריות גופא ונהורא מעליא וסייעתא דשמיא,
ויתברכו בכתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה לנו ולכל ישראל

המברכים מקרב הלב, **מערכת קול תורה ויראה**

ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל

# ברכת מזל טוב

## לידידינו היקרים הי"ו שהשמחה במעונם

להרב הגאון המפורסם מעוז ומגדול, נועם הליכות ואוצר כל חמדה, שמו מפארים בהילולים ותוארים
**הרה"ג רבי יעקב יצחק טייטלבוים שליט"א**
מנהל רוחני בישיבה קטנה ח"ב
**לרגל נשואי בתו שתחי' למזל טוב**

---

להרבני היקר, נודע לשם ולתהלה, נועם הליכות ואוצר כל חמדה, העושה מלאכתו הקודש בראש מערכת החינוך של צעירי צאן קדשים במוסדותינו הק'
**הרב ר' בנציון יאקאבאוויטש שליט"א**
מנהל בת"ת בניני זופניק
**לרגל נשואי בתו שתחי' למזל טוב**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר משה שמואל גאלדשטיין הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בנו הבה"ח יחזקאל יואל מרדכי נ"י למז"ט**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר פנחס בנימין יאקאבאוויטש הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בנו הבה"ח יואל נ"י למזל טוב**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר יעקב יוחנן מענדלאוויטש הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בנו הבה"ח יקותיאל פנחס נ"י למזל טוב**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר אברהם יקותיאל ערמיאש הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בתו שתחי' למזל טוב**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר אלעזר צבי ווייס הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בתו שתחי' למזל טוב**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**הרב בנש"ק יעקב שמשון הלוי גאלד הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
**לרגל הולדת בנו נ"י למז"ט**
**ולהכניסו בבריתו של אאע"ה**

---

להרבני המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר אלחנן וואלף קלאגסבאלד הי"ו**
מגדולי תומכי ועסקני מוסדותינו הק'
**לרגל נשואי בתו שתחי' למז"ט**

---

להרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר חיים יודא פערלשטיין הי"ו**
מגדולי תומכי מוסדותינו הק' וחבר הנהלת הפלייש געשעפט
**לרגל הולדות התאומים למזל טוב**

---

להרבני היקר המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר יצחק סעפטלעס הי"ו**
אב"י בעיר פלעטבוש - העומד לימינינו בכל מה דאפשר
**לרגל הכנסת בנו כמר אליהו נ"י לעול התורה והמצוות**

---

להרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר יצחק שלום ווערטהיימער הי"ו**
בילדונג אדמיניסטראטאר דמוסדותינו הק'
**לרגל נישואי בנו כמר שמחה איילוש נ"י למזל טוב**

---

להרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר וואלף ענגלענדער הי"ו**
העומד על הפקודים לנצח על מלאכת בית ה' בבניית בית רחל החדש
**לרגל הכנסת בנו הב' זושא לייב נ"י**
**לעול התורה והמצות**

---

להרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר יצחק שטיינמעץ הי"ו**
מצוות העובדים בהאפיס של מוסדותינו הק'
**לרגל אירוסי בנו נ"י למז"ט**

---

להרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר אברהם חיים קליינמאן הי"ו**
יו"ר השכר לימוד דעפארטמענט במוסדותינו הקדושים
**לרגל שמחת נישואי בנו הבה"ח יעקב צבי נ"י למז"ט**

---

להרבני החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר יחיאל מיכל ווינגארטן הי"ו**
בילדונג מענעדזשער של תלמוד תורה טרופ עוועניו
**לרגל הכנסת בניו התאומים כמר משה נ"י**
**וכמר אברהם נ"י לעול התורה והמצוות**

---

להרבני החשוב המפואר, איש האשכולות, ספרא וסייפא
**מוה"ר מנחם מענדל בינער הי"ו**
מצוות העובדים במערכת "דער איד" העומד לימינינו בכל מה דאפשר
**לרגל אירוסי בנו יואל הי"ו למז"ט**

---

להרבני המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד,
**מוה"ר ירמי' שמואל קלאגסבאלד הי"ו**
חבר וועד הפועל דמוסדותינו הק'
**לרגל אירוסי בתו שתחי'**
**עב"ג הבה"ח כמר יואל אשר נ"י**
בן הרבני הנגיד המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**כמר יעקב הכהן רובין הי"ו**
מגדולי תומכי ועסקני מוסדותינו וקהלתינו הק'

---

להאברך החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר יעקב אלעזר כ"ץ הי"ו**
מעסקני מוסדותינו הק'
**לרגל הולדת בנו נ"י למז"ט**
**ולהכניסו בבריתו של אאע"ה**

---

להאברך החשוב המפואר, יפה פרי תואר, רודף צדקה וחסד
**מוה"ר יוסף מענדל פערלשטיין הי"ו**
מעסקני מוסדותינו הק'
**לרגל הולדת בנו נ"י למז"ט**
**ולהכניסו בבריתו של אאע"ה**


Sponsored By:
ACCURATE SALES, INC.
photo supply wholesaler


**יה"ר שיזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח**
**הון ועושר בביתם וצדקתם עומדת לעד מעתה ועד עולם**